*ב"ה*

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

## בהר - בחוקותי

### בהר - בחוקותי

די תורה זאגט אז "ושבתה הארץ שבת לה'" (די ערד זאל רוען צו השם) און נאכדעם שטייט "שש שנים תזרע שדך" (זעקס יאר זאלסטו פלאנצן דיין פעלד).

דארף מען פארשטיין:

לכאורה וואלט דער סדר געדארפט זיין פארקערט - פריער ארבעט מען זעקס יאר אין פעלד און ערשט דערנאך היט מען דעם זיבעטן יאר פון שמיטה. פארוואס זאגט די תורה *פריער* וועגן שנת השמיטה און דערנאך וועגן דעם זעקסטן יאר?

דער ענטפער איז:

בכדי א איד זאל קענען ריכטיג מקיים זיין די "שש שנים תזרע שדך", מוז ער געדענקען אז דער זיבעטער יאר וועט זיין "שבת לה'".

דער ענין פון שמיטה איז: דער זיבעטער יאר דארף זיין שבתון לארץ, שדך לא תזרע וכרמך לא תזמור. דער זיבעטער יאר דארף ער אפשטעלן די אלע מלאכות הארץ פון וואס מען מאכט ברויט, וואס דערפון לעבט א מענטש.

וכי תאמרו מה נאכל? ווי אזוי קען מען לעבן אז מען וועט ניט פלאנצן און אקערן? אויף דעם ענטפערט די תורה: וצויתי את ברכתי וגו' ועשת את התבואה לשלש השנים. דער אויבערשטער וועט שיקן זיין ברכה אז מען וועט קענען עסן דריי יאר פון דעם וואס וואקסט אין דעם זעקסטן יאר.

מען מאנט ביי א אידן אז איין מאל אין זיבן יאר זאל ער זיך געזעגענען פון אלע זיינע ערדישע באדערפענישן. ער זאל ניט האבן צוטאן מיט מלאכות הארץ פון וואנענט עס וואקסט ברויט. נאר ער זאל זיך אינגאנצן פארלאזן אויף דעם אויבערשטן, אז ער וועט עם געבן פרנסה העכער פון נאטור.

ווען מען פארשטייט דאס אין זיבעטן יאר; דעמאלסט איז אויך אין די זעקס יאר ווען ער אקערט און פלאנצט און עס וואקסט תבואה, פארשטייט ער אז ניט פון זיין ארבעט האט ער זיין ברויט, נאר דער אויבערשטער גיט עם זיין ברויט *דורך* דער נאטור. א איד'ס ארבעט איז נאר צו פארדינען דעם ברכת ה' דורך היטן זיין תורה און מצוות.

(לקו"ש: ח"א ע' 274. ח"ב ע' 551)

Back to "Leben Mit Der Tzeit"